**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/12/2025 גאווערנער KATHY HOCHUL

**גאווערנער HOCHUL אנאנסירט דר. העיזעל נ. דיוּקס פירערשאפט אינציאטיוו צו באעהרן די ציווילע רעכטן לעגענדארע פיגור וואס איז שוין נישט מיט אונז**

***גאווערנער וועט אויך אויסברייטערן SUNY'ס דר. העיזעל נ. דיוּקס פעלאָושיפ צו פאראויס שטופן ציווילע רעכטן***

***גאווערנער שלאגט פאר צו צולייגן אן אויסגעקריצטע פארטרעט פון דר. דיוּקס צו די ניו יארק סטעיט קאפיטאל'ס 'גרעיט וועסטערן' טרעפ***

***גאווערנער אנאנסירט אנדענקן אזוי ווי ניו יארקער קומען זיך צוזאם ביי Mother A.M.E. Zion קירכע אין הארלעם פאר דר. דיוּקס'ס באגרעבעניש צערעמאניע***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק'ס אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט (Office of Service and Civic Engagement) וועט א נאמען געגעבן ווערן כדי צו באעהרן די אנדענק פון Dr. Hazel N. Dukes (דר. העיזעל נ. דיוּקס), די לעגענדארע ניו יארקע ציווילע רעכטן פירערין. די דר. העיזעל נ. דיוּקס בירגערליכע פירערשאפט אינציאטיוו (Dr. Hazel N. Dukes Civic Leadership Initiative) וועט באאויפטראגט ווערן מיטן שטופן בירגערליכע און ציבור'ישע ארבעט געלעגנהייטן אריבער ניו יארק, פארזעצנדיג מיט די קאנצענטראציע אויף ציבור'ישע ארבעט און בירגערליכע אנטיילנעמונג פאר וועלכע Dr. Dukes (דר. דיוּקס) האט געקעמפט איר גאנצע לעבן. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אן אויסברייטערונג פון SUNY'ס דר. העיזעל נ. דיוּקס פעלאָושיפ צו פאראויס שטופן ציווילע רעכטן (Dr. Hazel N. Dukes Fellowship for the Advancement of Civil Rights).

"Dr. Hazel N. Dukes (דר. העיזעל נ. דיוּקס) איז געווען א גאר וויכטיגע פיגור אין די ציווילע רעכטן באוועגונג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איינס פון די גרעסטע עהרעס אין מיין לעבן איז געווען ווען Hazel (העיזעל) האט אויפגעזעהן אויף מיין אפיציעלע איינשווערונג אלס גאווערנער. זי איז געווען א פארטרויליכע פריינדינע און א וויכטיגע ראטגעבערין, און מיר גיבן אפ כבוד פאר איר אנדענק דורכן פארזעצן אונזערע אינוועסטירונגען אין ציבור'ישע ארבעט און בירגערליכע אנטיילנעמונג."

**דר. העיזעל נ. דיוּקס פירערשאפט אינציאטיוו**

די דר. העיזעל נ. דיוּקס בירגערליכע פירערשאפט אינציאטיוו וועט זיך קאנצענטרירן אויף ציבור'ישע ארבעט און בירגערליכע אנטיילנעמונג אונטערנעמונגען אריבער ניו יארק. עס רעכנט אריין SUNY'ס Empire State Service Corps, וואו אנטיילנעמנדע סטודענטן באטייליגן זיך אין באצאלטע ציבור'ישע ארבעט פאר מער פון 300 שעה אין לויף פון דאס יאר, ארבעטנדיג אויף פראיעקטן ווי קאטאסטראפע פארלייכטערונג, גייסטישע געזונטהייט הילף פאר אנדערע סטודענטן און הילף פאר אנדערע זיך צו איינשרייבן פאר SNAP.

אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון די אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט זיך צו באנוצן מיט עקזיסטירנדע שותפות'ן און הילפס-מיטלען, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס קאמיסיע אויף נאציאנאלע און קאמיוניטי סערוויס (Commission on National and Community Service), צו ארויסבויען אן ארומנעמיגע אקציע פלאן צו פארבינדן מער ניו יארקער, באזונדערס אונזער יונגווארג, מיט געלעגנהייטן צו טוהן ציבור'ישע ארבעט.

**דר. העיזעל נ. דיוקס פעלאָושיפ צו פאראויס שטופן ציווילע רעכטן**
גאווערנער Hochul (האקול) האט אנאנסירט די איסבריייטערונג פון די דר. העיזעל דיוקס SUNY פעלאָושיפ צו פאראויס שטופן ציווילע רעכטן, וואס וועט שטיצן איין SUNY לערער שטאב מיטגליד וועלכער וועט אויסגעוועהלט ווערן יעדעס יאר זיך צו באנעמען מיט פארשונג אדער לערנונגען ארום ציווילע רעכטן, געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, בירגערליכע עדזשוקעישען, ציווילע דיאלאג און קאמיוניטי שריט. די אפליקאציע פאר די דר. העיזעל דיוקס SUNY פעלאָושיפ צו פאראויס שטופן ציווילע רעכטן וועט זיך עפענען שפעטער דעם חודש, מיט דעם ערשטן אויסדערוועהלטן פעלאָו צו אויסגערופן ווערן אין יוני. SUNY לערער שטאב מיטגלידער, סיי די וועמען'ס שטעלע איז שוין באשיצט (טעניור) און סיי די וועלכע ארבעטן צו אנקומען דארט, פון אריבער SUNY'ס סטעיט-אויפגעהאלטענע קאמפוסן און קאמיוניטי קאלעדזשעס זענען בארעכטיגט צצו אפליייען.

דאס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס אנאנסירונג לעצטע יאר צו אוועקשטעלן די דר. העיזעל דיוקס פעלאָושיפ (Dr. Hazel Dukes Fellowship) דורך די SUNY טונקל-הויטיגע פירערשאפט אינסטיטוט (Black Leadership Institute, BLI), אויסוועהלנדיג איין אויסנאמליכער מענטש פון יעדע גרופע אין עהרע פון Dr. Hazel Dukes (דר. העיזעל דיוקס). דער 'דר. העיזעל דיוקס פעלאָו' דארף זיין איינער וועלכער פארקערפערט די ווירדן, עררייכונגען, געפיהל, קלארע טראכטן און איבערגעגעבנקייט פאר די צוועקן פון פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און גערעכטיגקייט וואס זענען געווען די יסודות פון Dr. Dukes (דר. דיוקס)'ס קאריערע און לעבן. גאווערנער Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט די SUNY טונקל-הויטיגע פירערשאפט אינסטיטוט אלס טייל פון איר בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 כדי צו אידענטפיצירן, פלעגן און שטיצן די אנטוויקלונג און אנהאלטונג פון יעצטיגע און אויפשטייגנדע פירער פאר אן אוניווערסיטעט סיסטעם און א לאנד וואס איז מער און מער פארשידנארטיג.

**פארטרעט איינקריצונג אויף די 'גרעיט וועסטערן' טרעפ**
גאווערנער Hochul (האקול) האט אנאנסירט איר פארשלאג צו צוליגן אן אויסגעקריצטע פארטרעט פון Dr. Dukes (דר. דיוקס) צו די ניו 'גרעיט יארק סטעיט קאפיטאל'ס 'גרעיט וועסטערן' טרעפ אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע אין אלבאני. די 'גרעיט וועסטערן' טרעפ האט איינגעקריצטע פארטרעטן פון פילע מערקווירדיגע פיגורן, אריינרעכענענדיג די ערשטע 30 גאווערנערס פון ניו יארק סטעיט, פאראייניגטע שטאטן פרעזידענטן, פארשער, פאליטיקאנטן, ערפינדער, וויסנשאפטלער, שרייבער, סאלדאטן, דיכטער, אקטיוויסטן און מענטשן וואס האבן געקעמפט צו ענדיגן קנעכטשאפט. די לעצטע צוגאב צו די 'גרעיט וועסטערן' טרעפ איז געווען א פארטרעט איינקריצונג פון די ריכטערין Ruth Bader Ginsburg (רוט בעידער גינזבורג), וועלכע איז שוין נישט מיט אונז, וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט אויפגעדעקט אין 2023.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן